ידעז, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראָשען

היינט 20 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 127 | Łódź, Piątek, 1 czerwca 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י״ח סיון תרצ״ד | № 127 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 .טעל ,21 לאדז, פעטריקאווער : אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע


Dnia 31 Maja r. b. zmarł po krótkich lecz ciężkich cierpieniach

**B. P.**

# Stanisław JAROCIŃSKI

Wyprowadzenie drogich nam zwłok z domu żałoby przy ul. Moniuszki 6, nastąpi dziś, w piątek, dnia 1-go czerwca 1934 r. o godz. 3-ej popoł., o czem zawiadamiają pogrążeni w głębokim smutku

**Żona, Syn, Synowa, Wnuk i Rodzina.**

---

Dnia 31 maja 1934 roku zmarł

**b. p.**

## STANISŁAW

# JAROCIŃSKI

**współzałożyciel a następnie członek Zarządu i Rady Nadzorczej Kolei Elektrycznej Łódzkiej, Spółki Akcyjnej.**

Zmarły przez swą wieloletnią niestrudzoną pracę i doświadczenie oddawał wielkie usługi dla rozwoju naszej Spółki, to też pamięć Jego ze czcią na zawsze zachowamy.

**Rada Nadzorcza, Zarząd i Dyrekcja**
**Kolei Elektrycznej Łódzkiej,**
**Spółki Akcyjnej.**

# פּיניעלע מזיק
## גיט לשון!



צי, האַלטן מיר שוין גאָר די וואַלן צום שטאָט־ראַט אַלעס! שוין אַ מעכיע!

צאָט כאָדושביג ״גיזעיען די זאוויערוכע, וואָס די ווילקער אָבן גימאַכט? איינער אַט גיטיילט ליפּט באַלאָניעס. אַ צווייטער ליפּט אָהן באַלאָניעס. זענע אויצושדושעט אַף דראָשקיס און אַף סאַמאָכאָדיקעס און אָבן אנגימאַכט אַ גאַנצע סוואָנד אין באַליע. זאָבן גיריסן פאַר די פּאָליס, און וואָס אָנע איז יעץ דערפון? — באָעכוויטיג מיט גיפלגרימיניש!

די ווילקער מיינע, אז איך אָב אָנמיס גיפּיש, דאָס איך בין אַרורכגעפאַלן. זאל איך שטאַרבן אַ טויטער, צי סאָרט מיך. פיאַטר כאַיי מעג זיצן אין דער היים, און איך, פּיניעלע ניש? אז דעם ווערטס קרוליק פּאַסט צי זיצן אין דער היים, פּאַסט מיר אָכעט. !

פיש, פיש, אַ וואזשנע מיצאַצע מיטן גאַנצן שטאָט־ראַט. זאָך אזוי לעבן, ווי ס'פּאַסט מיר אַפילעך ניש צו רעדן מיט די אַסגיוועילטע לאזוכעס — אַ וואַזשנע טאָוואַזשיסטווע פאַר מיר!...

און עפּטשער מיינט עך, אז די „קאַשולקעס" עלן לאַנג קאָמאַנדיווען אין שטאָט־ראַט? — זאל איך קרענקען! זיי עלן מיט דעם האַרטן ביין דערשטיקט און דערוואַרגן ווערן — צעט זעיען, אז סעט אזוי זאַן, ווי פּיניעלע מזיק זוגט ענק! פּיניעלע רעדט נישט פון דער היין...

יאָ, גאָך אַ זאַך וויל איך ענק זוגן, וואָס קאַ ליגן אין ניש — זיי, די „קאַשולקעס", מיינע, אז מיר יאַטן פון באַליט אָבן פאַר זיי מוירע, אז מיר אָבן מוירע פאַר אַ קיפּיע, כ'שווער ענק, זאָך אזוי לעבן און גיזינט זאַן, ווי איך אַלייגט נעם מיך אַף צעיען אזעלכע פלאַקענשיסערס, אז איך געב איינעם אַ שמיר איבער די זאוויאַסעס, ווע"ט עם לאַכטיג אין די אויגן. אז איך געב איינעם אַ זעצק אין די צעיען אַיאַן, פערליירט ער באַלד ס'ליימערן!... וואַלטן נאָר גיוון אַ סאַך אזעלכע פּיניעלעך!...

כאַווירים יאַטן, צמעגט שטאַלץ זאַן מיט ענקער פּיניעלע!

## איז ווישניאַווא גורא

ליעטניק (צום ווירט): אַ, פאַניע גאַספּאַראַזשו איהר האָט אַ וואַזשנע קיה — וויפיל גיט זי מילך?

ווירט: פינף ליטער אַ טאָג.

ליעטניק: און וויפיל פערקויפט איהר?

ווירט: אַהאַ, אז ס'גייט גוט, פערקויף איך 8 און אַמאָל 10 ליטער....

# ווי אזוי דער שטרויענער אלמן כאַפּט אַף אַ יויך

דער שטרויענער אלמן פאַנטאַפּעלזאָן קאָכט זיך אַליין מיטאָג. דעם ערשטן טאָג, וואָס זיין ווייב איז געפאָהרן אויף דער דאַטשע, האָט ער צוגעשטעלט אַ יויך, האָט ער אָנגעגאָסן אַ טאָפּ וואַסער אויף דער גאַז־מאַשינקע, האָט געמאַכט אַ קליינעם פלאַם און איז אַוועק אין דער גאַס.

ווען ער איז געקומען צום מיטאָג, האָט ער זיך אַרומגעזעהן, אז ער האָט פערגעסן אַריינצולייגן ס'פלייש אין וואַסער אַריין.

— נו, ס'איז נישט קיין אומגליק — האָט ער צו זיך געזאָגט — היינט וועל איך טרינקען די יויך, און ס'פלייש וועל איך האָבן אויף מאָרגען!

## אַ פערשפּעטיגט וואַהל־מעשה'לע

אין אַ שטעטעל, ווי עס איז פאָרגעקומען רבנים־וואַהלען, האָבען קאַנדידירט צוויי קאַנדידאַטען. איינער פון זיי איז געווען אַ קרוב פון רבין, דעם שבת פאַר די וואַהלען, האָט דער רב געהאַלטען אַ דרשה אין שוהל, ווי ער האָט פערזיכערט דעם עולם, אז אויב מען וועט שטימען פאַר זיין קרוב, וועט עס זיין אַ סגולה צו פּרנסה.

אין אַ צייט אַרום, קומט אַ ייד צום רבין מיט אַ טענה: איך האָב געשטימט פאַרן רב, דעם רבינס קרוב, און איך האָב אַלץ נישט קיין פּרנסה!

דער רבי האָט דעם ייד בערוהיגט און אויפגעקלערט: איך האָב דאָך נישט געמיינט דיך; דאָס האָב איך געמיינט דעם רב אַליין, און ער האָט טאַקע שוין פּרנסה.

די דאָזיגע מעשה איז געקומען אויפ'ן רעיון, ווען מ'האָט געהערט די וואַהל־אַגיטאַציע פון אונזערע רעדעל־פיהרערס.

רעלעס.

## זאָל זי נאָר געדענקען!

זוהן: ווי געהסטו?

ווייב: אָפּגעבען די שטימע.

ער: זעהר גוט! נאָר געדענק זאָלסט חס ושלום זי נישט מעהר צוריק בייטען.

רעלעס.

## אין שטיבעל

גבאי: איהר כאַפּט זיך צום ברעטעל, איהר האָט דאָך גאָר קיין שטימע נישט!

חזן: איך האָב געהאַט אַ זעלטענע שטימע, נאָר כ'האָב זי אָפּגעגעבען ביי די וואַהלען.

רעלעס.

## אַ יישר כח

דריק איך אויס די לאַדזשער יידען, וואָס זיי האָבען מיך אויסגעוועהלט אין שטאָט־ראַט אַריין. אם ירצה השם, איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, וועל איך זיי פערגעלטען מיט „בעקוועמע די זה"...

מאיר זיידע.

> **אונזער ביילייד.**
>
> אַלע אַדורכגעפאַלענע קאַנדידאַטען פון אַלע ליסטעס דריקען מיר אויס דעם טיפסטען ביילייד. איהר זאָלט שוין מעהר נישט וויסען פון קיין צער.
>
> **רעדאַקציע „קונדס"**

## מאי־ליבעס

פון יוסף מאַרשעליק

די ליבעס
פון מאַי — אַ!
זיי זעיען אַ
שפּאַס און אַ
פּאַרס, ביז
עס קומט
אָנהויב יוני
צו אַ חתונה,
און מ'דאַרף
אַ חופּה קויפן
און לאַשטשען
און גלעטען זיך
אָנהויבען
זוכען אַ
וועג ווי צו
גט'ן זיך.

## שבת הגדול און קורצער פרייטאָג



קורצער פרייטאָג: ווי איז איך, פאַניע שבת הגדול, אַדורכגעטראָגען די וואַהלען?

שבת הגדול: ס'איז אויסגעגאַנגען צו איין צאָהל, נאָר דער דענטיסט האָט געמוזט אַ אמת־בעהמען דעם צווייטען אויך!

קורצער פרייטאָג: פאַרוואָס?

שבת הגדול: ווייל ער האָט נישט געהאַט אַ רעשט צו געבען פון 5 זל.!

הומאָר • סאַטירע •

# דער קונדס

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאַגע צום „נייעם פאלקסבלאַט" נומער 127 — פרייטאָג, דעם 1 יוני 1934

# כלב, איז דער בורע אריין!...



